בעזהשי"ת

# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א

## מעשיות צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון כ"ה / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת אמור / אייר תשפ"ד

## הרה"ק רבי דוד'ל טאלנער זצ"ל

יארצייט י' אייר

### די הקפדה פון רבי ר' ברוכ'ל, א ברכה!

**רבי מיכל יאמפאלער**, דער אייניקל פון **רבי ר' ברוכ'ל ממעזיבוז**, איז געווארן אן איידעם ביים טשערנאבילער מגיד. ביי די חתונה איז רבי ר' ברוכ'ל געקומען צו פארן קיין טשערנאביל.

פאר דער חתונה איז געווען א ויכוח צווישן דעם טשערנאבילער מגיד און רבי ר' ברוכ'ל וועגן דעם נדן. דעם טשערנאבילער מגיד'ס רביצין האט זיך אריינגעמישט אין דעם ויכוח. דער רבי ר' ברוכ'ל איז געווען א שארפער, האט ער זיך אנגערופן אויף די רביצין אז זי וועט נישט זיין ביי די חתונה. די רביצין האט זיך דערשראקן, און דער טשערנאבילער מגיד האט איר בארואיגט. כך הוה, בשעת די חתונה האט זי געבוירן דאס קינד, רבי דוד'ל טאלנער, וועגן דעם איז זי נישט געווען ביי דער חתונה, און עס איז מקויים געווארן די ווערטער פון רבי ר' ברוכ'ל.

איך האב געהערט פון **רבי'ן זאל זיין געזונט**, אז נאך די חתונה איז רבי ר' ברוכ'ל דורכגעגאנגען ביים פענסטער פון דער שטוב וואו רבי דוד'ל טאלנער איז געלעגן, און ער האט געהערט ווי ער וויינט. האט זיך רבי ר' ברוכ'ל אנגערופן: "ער וויינט ווי א חכם".

### פיר קינדער זאגן תורה

רבי דוד'ל טאלנער איז געווען פון די פיר ברידער וואס האבן יא געזאגט תורה. דער טשערנאבילער מגיד האט געהאט אכט הייליגע זוהן. ביים טיש זענען געזעסן פיר פון איין זייט און פיר פון דער צווייטער זייט, און ווען ער האט געזאגט תורה האט ער זיך אויסגעדרייט צו איין זייט, און די פיר האבן שפעטער אלס רבי' געזאגט תורה, און די אנדערע פיר האבן נישט געזאגט קיין תורה.

אלס א סימן אויף די פיר וואס האבן געזאגט תורה, איז די וואס האבן יא געזאגט הייבן זיך אן מיט א ט', ט'שערנאביל - הרה"ק רבי אהרן טשערנאבילער, דער ט'שערקאסער, ט'ריסקער מגיד, און רבי דוד'ל ט'אלנער.

די פיר האבן נישט געזאגט, רבי איציקל סקווירער, דער מאקארובער, ר' משה קארשבוב'ער און ר' יוחנ'טשע ראחמיסטריווקער.

רבי איציקל סקווירער האט אסאך גערעדט תורה, אבער ביים טיש האט ער נישט געזאגט.

### קדושת השבת פון מיטוואך

אויך האב איך געהערט פון **רבי'ן זאל זיין געזונט**, אז רבי דוד'ל טאלנער האט געזאגט: "פון מיטוואך קאכט זיך ביי מיר די תורה וואס איך דארף זאגן אום שבת, און ביי מיין ברודער, רבי איציקל סקווירער, קאכט שוין די 'יצוה' פון מיטוואך אן".

### ספרי יראים

אמאל האט רבי דוד'ל טאלנער געהאט א שמועס מיט רבי איציקל סקווירער, האט ער נאכגעזאגט א מימרא פאר רבי איציקל. האט רבי איציקל געפרעגט, וואו שטייט דאס? האט ער געזאגט אז דאס שטייט אין ספרי יראים. האט רבי איציקל געזאגט אז ער געדענקט נישט אזא מימרא פון די ספרי יראים. האט ער געזאגט: "מיינע ספרים זענען ספרי יראים".

### רדיפות פון די משכילים

רוב תורות רעדן זיך פון ענייני אמונה און בטחון, און אז מען זאל נישט נאכגיין נאך חקירות, נאר פשוט אמונה, און אמונת צדיקים. ער האט זייער שארף גערעדט קעגן די משכילים און די חוקרים, ממילא האבן זיי געהאט א שטארקע שנאה אויף אים, און זיי פלעגן אים שטארק רודפ'ן.

איינמאל האבן חסידים געמאכט א בענקל פאר רבי דוד'ל טאלנער, און ארויפגעשריבן דערויף 'דוד מלך ישראל חי וקיים'. האבן די משכילים געהאט סחורה דערפון, זיי האבן אים פאר'מסר'ט ביי דער מלוכה אז ער מאכט זיך פאר א מלך. עס איז געגאנגען אזוי ווייט אז ער האט געדארפט אנטלויפן פון רוסלאנד. דעמאלס איז ער אנטלאפן קיין בראד.

### א פייג

ווען ער איז אנגעקומען צום גרעניץ האט ער זיך אויסגעדרייט און געמאכט מיטביידע הענט א פייג, און ער האט געזאגט: "פאר דיר פאניע [ד.מ. רוסלאנד] האב איך צוויי פייגן".

א יאר אדער צוויי איז ער געווען אין בראד, און דארט איז ער אויך זייער שארף געווען קעגן די משכילים.

### מורא פונעם אור המאיר

מען האט אים אמאל געפרעגט צי ער האט נישט קיין מורא פון זיי, זיי קענען דאך טשעפן אדער פאר'מסר'ן? האט ער געזאגט: "ווען זיי טשעפענען האב איך נישט מורא, אבער ווען דער 'אור המאיר' טשעפעט האב איך מורא". אור המאיר איז א שארפער ספר.

מען פלעגט זאגן: אז מען פארט אויף א שבת צום אור המאיר, פארט מען דעם קומענדיגן שבת צום בארדיטשובער רב, וואס ער איז געווען זייער א וויכער און ער האט כסדר געגעבן חיזוק.

### א רב וואס גיבט, און א רבי וואס נעמט נישט

א שטיק צייט איז ער אויך געווען אין דער שטאט לעמבערג, דארט האט ער זיך באקאנט געמאכט מיטן לעמבערגער רב, **הרה"ג רבי יצחק שמעלקיש ז"ל**, בעמ"ח ספר שו"ת בית יצחק.

דער **מאחנובקער-בעלזא רבי שליט"א** האט דערציילט, אז איידער ער איז אוועקגעפארן פון לעמבערג, איז דער רב, רבי יצחק שמעלקיש ז"ל, זיך געקומען געזעגענען פון אים, און מיטגעברענגט א זילבערנע כלי פאר א מתנה, און רבי דוד'ל טאלנער האט עס נישט געוואלט נעמען. האט דער לעמבערגער רב געפרעגט, פארוואס ווילט איר נישט נעמען? האט ער געזאגט, ווייל איך וויל אייך גדענקען. האט דער לעמבערגער רב געפרעגט, אדרבה, אז איר וועט נעמען א מתנה פון מיר וועט איר מיר בעסער געדענקען?

האט ער געזאגט: ניין, די גמרא זאגט 'תרי תמיהי מידכר דכירי', אז צוויי וואונדערליכע זאכן, זאכן וואס זענען אויסטערליש, געדענקט מען, און דאס זענען צוויי אויסטערלישע זאכן, איינס אז א רב זאל וועלן געבן, און צווייטנס אז א רבי זאל נישט וועלן נעמען, ממילא וועט ער אים געדענקען...

## איך קען נישט גארנישט!

ווען רבי דוד'ל טאלנער איז געווען אין לעמבערג, זענען אריינגעקומען א גרופע משכילים. האט ער זיי געפרעגט ווער זיי זענען. האבן זיי געענטפערט אונז זענען פון די משכילים. האט ער זיי געפרעגט, וואס מיינט דאס 'משכילים'?

האבן זיי געענטפערט, אז מיר קענען אלעס.

האט רבי דוד'ל געענטפערט: "איך קען גארנישט, איך קען נישט אויפשטיין ביז איך גיס מיך נישט אפ נעגל וואסער. איך קען נישט טרינקען קיין קאווע ביז איך מאך א ברכה. איך קען נישט דאווענען ביז איך מאך די הכנות". אזוי האט ער אויסגערעכנט זיין גאנצן טאג וואס ער קען אלס נישט טון, מיינענדיג צו זאגן 'וואספארא מחותן בין איך מיט ענק, עטס קענטס אלעס און איך קען גארנישט'.

## ריינע מדריגות

דער **ראחמיסטריווקא רבי זצ"ל חדב"ן** האט דערציילט, אז רבי דוד'ל טאלנער איז אמאל געקומען צו דער שטאט שפאלע. האט ער געפרעגט צי עס איז דא א איד וואס געדענקט נאך דעם שפאלער זיידן ז"ל, האט מען געזאגט אז יא. האט ער געבעטן מען זאל יענעם ברענגען צו אים. האט רבי דוד'ל יענעם געבעטן ער זאל אים איבערזאגן א ווארט פון שפאלער זיידן.

האט ער געזאגט: "דער שפאלער זיידע האט אמאל געזאגט, עס שטייט ביי בלעם הרשע 'נאום שומע אמרי א-ל יודע דעת עליון, מחזה שד-י יחזה', ער האט געזען גרויסע, הויכע און אפענע זאכן, און כאטש ער האט געהאט אזעלכע חזיונות און געזען אזעלכע אפענע זאכן, דאך איז ער געווען א בלעם".

אזוויי רבי דוד'ל טאלנער האט דאס געהערט האט ער זיך איינגעשפארט פאר דריי טעג. ווען ער איז ארויסגעקומען האט ער געזאגט: "מיר האבן זיך ארומגעקוקט, און ב"ה מיר זענען ריין פון דעם" [מיינענדיג צו זאגן אז ער זעט אויך גרויסע זאכן, אבער ער איז ריין].

## די הייליגע ווערטלעך

עס איז באקאנט אז רבי דוד'ל פלעגט זאגן אסאך ווערטלעך. האב איך געהערט פון **רבי'ן זאל זיין געזונט**, אז ווען עס האט זיך געמאכט געוויסע משוגעים אדער דיבוקים, האבן די הייליגע ברידער געשיקט צו אים אז ער זאל זיך אפגעבן מיט דעם. האט דער רבי געזאגט אז וועגן דעם האט ער געמאכט אסאך ווערטלעך, ווייל בשעת'ן זיך אפגעבן מיט די דיבוקים און משוגעים האט ער געאמפערט מיט יענע חברה...

עס איז געווען א מעשה וואס די טאכטער פון א סקווירער חסיד האט געהאט א דיבוק, און ר' דוד'ל האט זיך נישט געוואלט מטפל זיין דערמיט, נאר ער האט געוואלט אז רבי איציקל סקווירער זאל ארויסטרייבן דעם דיבוק. וכך הוה.

## נישט געזאגט קיין ווערטל

האב איך געהערט אמאל פונעם **רבי'ן זאל זיין געזונט** אז דעם **סאדיגורער'ס** איידעם האט געהייסן **ר' נחום בערניו**, איז אמאל ווען ר' דוד'ל איז געווען אין סאדיגורא אויף שבת, איז ר' נחום בערניו געגאנגען זונטאג פארטאגס מיט רבי דוד'ל שפאצירן, עס איז געווען דעמאלס שניי מיט האגל, און ס'האט געהאנגען שטיקער האגל פון דער דאך, און ר' נחום בערניו האט געהאלטן א לאמטערנע. האט רבי דוד'ל טאלנער אים געזאגט: געב אכטונג אז דאס פייער זאל זיך נישט אנכאפן אין דער שניי". האט ר' נחום בערניו געפרעגט: "איר זאגט דאך קיינמאל נישט קיין ווערטל?" האט רבי דוד'ל געענטפערט: "פאר ווער עס פארשטייט איז דאס אויך נישט קיין ווערטל".

עס איז באוואוסט אז ער האט אמאל געזאגט 'איך האב קיינמאל קיין ווערטל נישט געזאגט', און ער האט עס ארויין געטייטש אין פסוק, **ויברך דוד את ה'** אבער **לעיני כל הקהל** קוקט עס אויס אז **ויאמר דוד**, אז ער האט סתם געזאגט ווערטליך, אבער באמת איז עס ויברך דוד את ה' מיט זיינע ווערטליך.

## טרינק ווי איין איד

אין טאלנע איז געווען א דיין וואס מען פלעגט רופן רבי דוד'יע דיין, ער האט זיך געפירט אז יעדן טאג ווען דער טאלנער האט געגעסן מיטאג איז ער אריין צו אים איבערשמועסן כמה ענינים. איינמאל בשעת ער איז געווען אינעווייניג איז אריינגעקומען א פארפאלק. זי האט גע'טענה'ט אז דער מאן טרינקט זיך אן כסדר און ווערט שיכור. האט אים רבי דוד'ל געפרעגט, פארוואס שיכור'סטו? האט ער געענטפערט: "איך טרינק ווי אלע אידן".

האט רבי דוד'ל געענטפערט: "דאס טויג טאקע נישט, דו דארפסט טרינקען ווי איין איד, נישט ווי אלע אידן..."

האט די פרוי ווייטער גע'טענה'ט אז זי האט ב"ה פרנסה פון זייגן, אבער דער מאן קומט אהיים שיכור'ערהייט און ער שלאגט איר. האט רבי דוד'ל געזאגט אז דו ביסט א זייגערין איז ער א זייגער, און א זייגער וואס קלאפט נישט טויג נישט... [די אמאליגע זייגערס פלעגן קלאפן, איינס אזייגער איין קלאפ, צוויי אזייגער צוויי קלאפעס א.א.וו. מען זאל וויסן וויפיל אזייגער עס איז.]

ווען רבי דוד'יע האט דאס געהערט האט ער זיך צעלאכט. האט זיך רבי דוד'ל טאלנער אנגערופן: "דוד'יע פארוואס לאכסטו?" עס איז געפאלן א פחד אויף רבי דוד'ל דיין, און ער האט זיך אונטערגענומען אז ער גייט מער נישט אריינגיין יעדן טאג צו רבי דוד'ל טאלנער, נאר ווען ער האט עפעס וויכטיג איבערצושמועסן וועט ער אריינגיין.

ווען רבי דוד'יע דיין פלעגט איבערדערציילן די מעשה, האט אים באפאלן א פחד.

## געלט באלאנגט ביים מאן

אויך איז געווען א באקאנטע מעשה, עס איז געקומען צו רבי דוד'ל טאלנער א פארפאלק, ער האט גע'טענה'עט אז זי איז משוגע, און זי האט גע'טענה'עט אז ער איז משוגע. האט רבי דוד'ל טאלנער געזאגט: "קודם גיבט אהער דאס פסק געלט".

האט ער געזאגט פאר דער ווייב, געב אהער דאס בייטל מיט געלט.

האט רבי דוד'ל טאלנער זיך אנגערופן : "אזוי, אז זי האט דאס בייטל מיט געלט, ביסטו משוגע..."

## זיי זעען ביי מיר מופתים

דער יונגסטער פון די אכט ברידער איז געווען **הרה"ק רבי יוחנן'טשע מראחמיסטריווקא זצ"ל**. רבי יוחנ'טשע האט געפרעגט אמאל פונעם ברודער, רבי דוד'ל טאלנער: "וואס איז דאס אז מען דערציילט אזויפיל מופתים אויף דיר?"

האט ר' דוד'ל געזאגט: "זייער פשוט, ווען עס קומט צו דיר א איד פאר א ישועה, קומט ער אן מיט א פערד און וואגן צו דיר אין הויז, ער בינדט צו די לייצעס ביי דיר אין הויף, שפעטער קען ער גלייך אריינגיין און דו ביסט מיט אים, ער קען אלעס איבערשמועסן באריכות ובפרטיות, און ווען ער גייט ארויס פון דיר איז ער צופרידן, איך בין א געהאלפענער ב"ה, דער רבי האט מיר געהאלפן! וואספארא ישועה קען שוין ארויסקומען אז ער פארלאזט זיך אויף דיר".

"אבער ביי מיר" - ער האט געהאט א געוואלד מיט חסידים, און עס איז אייביג געווען א געוואלדיגע געפערעכץ, מ'איז געקומען פון איבעראל - "ווען א איד דארף א ישועה, קודם כל לאזט מען אים נישט אנקומען ביז צו מיר אין הויף, ער קען נישט צובינדן דעם וואגן ביי מיר אין הויף, ער דארף גיין צובינדן ערגעץ אנדערש. ענדליך ער קומט שוין אריין צו מיר אין שטוב, מוז ער אזוי לאנגווארטן ביז ער קומט אריין. און אזויווי ער קומט אריין און רעדט שוין עטליכע ווערטער, קומען די גבאים גלייך אריין און מען טרייבט אים ארויס. ווען ער קומט ארויס זאגט ער: 'רבונו של עולם, ביים רבי'ן האב איך גארנישט געקענט פועל'ן, כאטש דו העלף מיר!'" איז וויבאלד ער בעט און פארלאזט זיך אויפן אויבערשטן, ווערט ער געהאלפן..!

# הרה"ק מראפשיץ זצ"ל

## יארצייט י"א אייר

דער הייליגער **צאנזער רב זצ"ל** וואס איז געווען א תלמיד פונעם ראפשיצער רב האט געזאגט, אז דער **ראפשיצער רב זצ"ל** איז געבוירן געווארן שבועות שנת תק"כ, אינעם טאג פונעם הסתלקות פונעם **בעל שם טוב הק'**.

דער ראפשיצער רב האט אויך געהאט דעם הייליגן דרך פון זאגן ווערטלעך.

זיין פאטער האט געהייסן רבי מענדעלע לינסקער זצ"ל, זיי האבן זיך גערופן 'רובין' אויפן לעצטן נאמען, שפעטער האבן זיי געטוישט אויף 'הורוויץ'.

האט דער ראפשיצער רב אמאל געזאגט, אז א טייערער שטיין הייסט א 'רובין', עטס מיינטס אז מען ווערט געבוירן א 'רובין'? [א טייערע שטיין-א צדיק]', 'הארעוועטס! [לשון הורוויץ]'.

## רבי ר' אלימלך וויל נישט אננעמען דעם ראפשיצער רב

ער איז געפארן צו אסאך צדיקים, און איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך זצ"ל. עס זענען פאראן צוויי גירסאות וויאזוי ער איז געווארן א תלמיד פון רר"א.

איין גירסא איז פאראן, אז ער איז געקומען צו רבי ר' אלימלך און געוואלט ווערן א תלמיד פון אים, האט רבי ר' אלימלך אים געזאגט אז ער וויל אים נישט אויפנעמען אלס תלמיד. פארוואס? האט ער געזאגט: "איך וויל נישט קיין מיוחסים". דער ראפשיצער רב איז געווען א גרויסער מיוחס, ער האט געהאט גאר גרויסע יחוס.

האט דער ראפשיצער רב אנגעהויבן צו וויינען, ער האט זיך געווארפן אויף דער ערד בפישוט ידים ורגלים, אז ס'איז ממש געקומען בלוט פון זיין האלז, און ער האט געזאגט: "רבי, וואס בין איך שולדיג אז מיין טאטע איז געווען א גרויסער מיוחס?" האט אים רבי ר' אלימלך אנגענומען, און ער איז געווארן א תלמיד זיינער.

*

אן אנדערע נוסח איז דא, אז ווען ער איז געקומען צום רבי ר' אלימלך, האט רבי ר' אלימלך געזאגט: "ניין, איך וויל אים נישט אננעמען, ווייל ער איז א קינד פון א רוצח". דער ראפשיצער רב האט זיך זייער דערשראקן, וואס קען דאס מיינען.

האט רבי ר' אלימלך געזאגט: אז ווען ער איז - ווי באוואוסט - געגאנגען אין גלות צוזאמען מיט זיין ברודער רבי ר' זושא, ווען זיי האבן שוין געהאלטן ביים ענדיגן די גלות און אהיימגיין, זענען זיי דורכגעפארן די שטאט לינסק, דארט וואו דער פאטער פונעם ראפשיצער רב האט געוואוינט, זענען זיי געגאנגען צו אים אין שטוב, זיי זענען געווען פארשטעלט און קיינער האט נישט געוואוסט ווער זיי זענען. זיי האבן אריינגעקלאפט און געבעטן א נדבה. ער האט ברוח קדשו יא געוואוסט ווער זיי זענען, האט ער זיי געגעבן א גרויסע נדבה, ווען זיי האבן געזען אז זיי האבן באקומען א גרויסע נדבה וואס מען גיבט נישט געווענליך ביי דער טיר, זענען זיי צוריקגעגאנגען אים פרעגן אויב עס איז אפשר געווען א טעות.

האט רבי מענדעלע לינסקער זיי געענטפערט: "איך האב נישט קיין טעות, איך ווייס ווער עטס זענטס, איך קען ענק גוט. איך קען ענק אזויפיל זאגן, ווען איך וואלט געהאלטן ווי ענק, נאך עטליכע יאר גיין גלות, וואלט איך שענער אויסגעקוקט" [מיינענדיג צו זאגן אז ער וואלט געווען אויף א העכערע מדריגה ווי זיי זענען דעמאלס געווען].

אזויווי זיי האבן דאס געהערט האבן זיי אפגעמאכט צו גיין נאך א יאר אין גלות, און זיי זענען טאקע געגאנגען פאר נאך א יאר. אויף דעם האט רבי ר' אלימלך זיך אנגערופן 'א זון פון א רוצח', ווייל צוליב אים זענען זיי געגאנגען נאך א יאר אין גלות.

## די פילע נשמות ביים ציון הקדוש אין לאנצוט

ר' חיים יושע פשעמיש ע"ה וואס האט געוואוינט דא אין שיכון איז געקומען פון לאנצוט. ער האט דערציילט, אז אין לאנצוט האט געוואוינט א איד, ר' נפתלי גאלדשטיין. אמאל איז זיין ברודער געקומען קיין לאנצוט צום יארצייט פונעם ראפשיצער רב, און זיי זענען געגאנגען צוזאמען צום ציון. עס איז געווען ביינאכט, ארום צוועלף/איינס אזייגער, זענען זיי צוגעגאנגען צום אוהל און עס איז געווען פארשפארט. דאס איז געווען ביי זיי א פלא, ווייל עס פלעגט אלעמאל זיין אפן, נאכדערצו ביים יארצייט. זענען זיי צוגעגאנגען צום פענסטער און געוואלט אריינקוקן. האבן זיי זיך אויפגעשטעלט, און ווי זיי האבן אריינגעקוקט איז זיי באפאלן א פחד, זיי האבן געזען א געוואלדיגן אור, ממש אזויווי טויזנטע ליכט וואס ברענען, און ארום דעם ציון זענען געזעסן אין א חצי עגול, א האלבע רונדע אזויווי א לבנה, מענטשן אנגעטון אין ווייס, דאס זענען געווען נשמות. זענען די צוויי ברידער אנטלאפן פון דארט, און ר' נפתלי האט באגלייט דעם ברודער צו דער באן, און דעם גאנצן וועג זענען זיי אזוי געווען אין דעם שרעק, אז זיי האבן גארנישט געקענט שמועסן צווישן זיך פון פחד. פון דעמאלס און ווייטער זענען זיי מער נישט געגאנגען צום ציון. פופצן יאר שפעטער האבן זיי דערציילט די מעשה.

## פארן קיין לאנצוט לצורך רפואה

דער ראפשיצער רב האט דאך געוואוינט אין ראפשיץ, וויאזוי איז ער אנגעקומען קיין לאנצוט? נאר פארן הסתלקות איז ער נישט

געווען געזונט, האט מען געבעטן ער זאל פארן קיין לאנצוט, ווייל דארט איז געווען דעם גראף'ס דאקטער. האט ער זיך אנגערופן, ווער ווייסט צי דער דאקטער איז טאקע דארט? אבער אז מען האט אים געמוטשעט איז ער געפארן, און למעשה איז ער געווען גערעכט, דער דאקטער איז פונקט נישט דארט געווען.

## די 'נשמת' פעלט אים

איז ער געווען דארט אין לאנצוט אויף צווי וואכן, דריי טעג האט ער גע'גוסס'ט. דעם דריטן טאג איז דער **בני יששכר** אנגעקומען. ווען ער איז אריינגעקומען האט דער ראפשיצער רב געעפנט זיינע אויגן. האט זיך דער בני יששכר אנגערופן: "עטס זעטס נישט וואס עס פעלט? דער 'נשמת' פעלט אים". מען האט אנגעהויבן זאגן נשמת, און ווען מען האט געענדיגט איז געווען דאס הסתלקות.

## נישט דא וועם נאכצוגיין

האב איך געהערט פון **ר' חיים יושע הנ"ל**, אז די לוי' איז ארויסגעגאנגען פון דעם לובלינער'ס שול, וואס דער לובלינער האט דאך געוואוינט אין לאנצוהט [ווען דער בני יששכר ברענגט פונעם לובלינער, ברענגט הרה"ק רבי יעקב יצחק מלאנצוט. ווען דער רבי זאל זיין געזונט איז יעצט אין ווינטער געווען אין קראקא איז מען געווען אין לאנצוט און מ'איז אויך געגאנגען צו דעם לובלינער'ס שול]. האט ר' חיים יושע אויסגע'משל'ט, אז מען איז געגאנגען אויף מערב זייט פון דער שול, און פון דארט איז מען געגאנגען אויף דרום זייט פון דער שול, און ווען מען איז אנגעקומען אויף מזרח, האט דער בני יששכר זיך אנגערופן: "שוין, שוין, שוין, הויך, הויך, הויך, עס איז שוין נישט דא וועמען נאכצוגיין". און ער איז אוועקגעגאנגען פון דער לוי'.

## אויסגעזען ווי ער טרינקט

איך האב געהערט פון **הרה"ג רבי וועלוול דיין שליט"א**, אז דער **קאלאשיצער רב ז"ל** האט דערציילט, אז דער ראפשיצער רב פלעגט אין די יונגע יארן זאגן בדחנות ביי חתונות. אלעס איז פול געווען מיט באהאלטענע סודות. איינמאל ווען ער האט געפאסט אינמיטן ווינטער, האט ער געזאגט בדחנות ביי א חתונה. איידער ער האט אנגעפאנגען האט ער זיך אנגערופן אז אויב גייט מען זאגן בדחנות דארף מען עפעס טרינקען פארדעם. האט ער געבעטן בראנפן. ער האט זיך אנגעגאסן א גלעזל בראנפן. דער עולם האט געמיינט אז ער טרינקט, דערווייל האט ער עס אריינגעגאסן אין זיין העמד.

האט ער זיך אנגערופן: "איינס איז קיינס", ד.מ. איינס איז גארנישט.

האט ער זיך אנגעגאסן נאך איינס, און אויך אריינגעגאסן אין זיך, און געזאגט: "צוויי איז זוגות", און דער עולם האט געמיינט אז ער טרינקט.

נאכדעם האט ער אנגעגאסן א דריטן כוס, און אויך אריינגעגאסן אין זיין העמד. און אזוי האט ער גע'בדחנ'ט.

עס איז געווען אינמיטן ווינטער, און ווען ער איז ארויסגעגאנגען איז זיין בארד געווארן צוגעקלעבט צו זיין הייליגן גוף. און ער האט מיט געוואלד אפגעריסן דעם בארד פון זיך. האט דער קאלאשיצער רב ארויפגעלייגט זיין האנט אויף זיין מויל און געזאגט: "עס האט זיך געגאסן פון אים בלוט, אזוווי פון להבדיל א געשאכטענעם בהמה".

## בעולם העליון וועסטו משיג זיין פשט אין זיין ווערטל

איך האב געהערט פון הרה"ח **ר' וואלוויש גאלקלאנג** שליט"א, אז איינמאל שבת ביי 'בואי בשלום', האט זיך הרה"ק **ר' הערשעלע מרימנוב** זצ"ל זיך צעוויינט. האט מען אים געפרעגט פארוואס ער וויינט? האט ער דערציילט אז ער איז דאך געווען משרת ביים רבי'ן ר' מענדעלע רימנובער זצ"ל. ביים רבי'ן ר' מענדעלע איז געווען דער מנהג אז קיינער האט נישט געקענט קומען מיטהאלטן דעם סדר, נאר וועמען מען האט געלאדנט. דער ראפשיצער רב האט אויך געוואלט דארט זיין, האט ער געווארט אז מען זאל אים לאדענען, אבער מען האט אים נישט געלאדנט. האט ער זיך אן עצה געגעבן. ער איז געקומען צו פארן ערב פסח נאכמיטאג, און וויבאלד ער איז אנגעקומען ערב יום טוב האט ער שוין געמוזט דארט בלייבן, האט ער געהאפט אז ער וועט קענען מיטהאלטן דעם סדר. למעשה ווען ער איז געקומען צו רבי מענדעלע נעמען שלום, האט ער אים געזאגט אז ער זאל גיין ערגעץ אנדערש פירן סדר. האט ער נישט געהאט קיין ברירה, און ער איז געגאנגען פירן די סדר אין ווייבער שול.

נאכן דאווענען האט מען געווארט און רבי מענדעלע קומט נישט אריין צום סדר. שפעטער קומט רבי מענדעלע ארויס און גייט צו צום גבאי, רבי ר' הערש, און זאגט אים: "גיי צום ראפשיצער רב און זע וואס טוט זיך". ער איז געגאנגען צום ראפשיצער רב און אים געזאגט אז דער רבי פרעגט וואס טוט זיך. האט דער ראפשיצער רב געענטפערט עפעס א ווערטל. איז דער רבי ר' הערש צוריקגעקומען צום רבי'ן און איבערגעזאגט דאס ווערטל.

נאכדעם האט רבי מענדעלע נאכאמאל געשיקט רבי ר' הערש צום ראפשיצער רב זען וואס טוט זיך. איז ער געגאנגען און געפרעגט וואס טוט זיך, האט דער ראפשיצער רב געענטפערט מיט נאך א ווערטל. פארן רבי'ן ר' הערש האט דאס זייער וויי-געטון אז ער ענטפערט מיט א ווערטל.

שפעטער האט רבי מענדעלע א דריטע מאל געשיקט דעם רבי'ן ר' הערש צום ראפשיצער רב זען וואס טוט זיך, און ער האט ווייטער געענטפערט מיט א ווערטל.

רבי ר' הערש איז צוריקגעקומען צו רבי מענדעלע און אים איבערגעזאגט דאס ווערטל, און אזוויי עס האט אים זייער וויי-געטון אז דער ראפשיצער רב ענטפערט מיט א ווערטל, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן ר' מענדעלע, וואספארא מין דרך איז דאס אז מען ענטפערט א רבי'ן מיט א ווערטל?

האט רבי מענדעלע געענטפערט: "אינעם ערשטן ווערטל קען איך דיר יעצט זאגן פשט, דאס צווייטע וועסטו משיג זיין פאר דיין פטירה, און דאס דריטע וועסטו משיג זיין נאר אויף יענער וועלט בעולם האמת".

האט רבי ר' הערש אויסגעפירט, אז יעצט ביי בואי בשלום האט ער משיג געווען פשט אין דעם צווייטן ווערטל, האט ער פון דעם פארשטאנען אז עס געקומען זיין צייט נפטר צו ווערן פון דער וועלט, וועגן דעם האט ער געוויינט. וכך הוה, יענע וואך איז דער רבי ר' הערש נפטר געווארן.

דער ראפשיצער רב ז"ל האט געהייסן שרייבן אויף זיין מצבה 'יחיד בדורו בחכמת אלוקות'.

## זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל

להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658 עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865
צו באקומען די גליון MlavaMalka@gmail.com